„Radomer - Kielcer Leben" 22 (382) „Nałożyto [illegible] uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 8 זייטן.

Radom, dnia 5 Czerwca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג, כ' סיון תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרייז:

אײן מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט עקמהאַלטען 8 שפאַלטען
" אין טעקסט 4

P. GISSEROWI
**Kierownikowi Szkoły Muzycznej**
**z powodu przedwczesnej śmierci b. p.**

# ŻONY Jego

wyrazy szczerego współczucia i ubolewania
**składa** *Zarząd „Bratniej Pomocy"*
**przy Szkole Muzycznej.**

---

Serdeczne współczucie p. profesorowi
P. GISSEROWI
z powodu przedwczesnego zgonu jego ukochanej

## MAŁŻONKI

**składa** *Sz. Urbach.*

---

Drogiemu Profesorowi
P. GISSEROWI
z powodu przedwczesnej
śmierci b. p.

# ŻONY Jego

wyrazy gorącego współczucia i ubolewania
**składają:** *Grono Uczniów*
*Szkoły Muzycznej*

---

## אויפפאָדערונג.

דערמיט פאָדערן מיר אויף דעם ה' **ישראל שטאַטווינער** אין פערלויף פון אַ וואָך צייט צוריקצוציהען זיין ערקלערונג אויפ'ן וואַל-מיטינג מאָנטאג דעם 25 פ. ח. אין קינא „קאָרסאָ" וועגען די נישט-ריכטיגע פאָרוואָרפען אויפ'ן אַדרעס פון „בר-כוכבא". אין געגענפאל וועלען מיר איהם צוציהען צום פעראַנטוואָרטליכקייט.

**יודישער טורן און ספאָרט-געזעלשאַפט**
**„בר-כוכבא"** אין ראַדאָם.

---

## בעקאַנטמאַכונג.

די דירעקציע פון דער גימנאַזיע

# „פשיאַטשול ווייעדזי" אין ראַדאָם

——— (מיט רעגירונגס-רעכט), ———

מאַכט דערמיט בעקאַנט, אז די **אײַנטריטס-עקזאַמענס** פאַר קאַנדידאַטען אין אַלע קלאַסען וועלען זיך אָנהויבען דעם 19-טען טשערוויעץ ה. י. 9 אין דער פריה.

די קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיע (קילינסקי 13) נעמט-אָן מעלדונגען און ערטיילט אינפאָרמאַציעס פון 14—9.

**דירעקציע.**

---

Wyrazy najgłębszego współczucia drogiemu Profesorowi
**P. GISSEROWI**
z powodu przedwczesnej śmierci b. p.

# ŻONY Jego

**wyraża** *„Młodsze Grono Uczniów"*
**Szkoły Muzycznej**

---

Dyrektorowi Szkoły Muzycznej p. **GISSEROWI**
z powodu przedwczesnej śmierci B. P.

## ŻONY Jego

składają wyrazy głębokiego współczucia i ubolewania
**byli uczniowie i uczenica** **Ewa i Miron JOFFE**
**Pinkus TENENBAUM**

---

בזה אנו מביעים את צערני העמק מ"ר פרופ. גיסר
למות **אשתו**
ונחמה ימצא על הרי יהודה
התזמורת של **„ברית-תרומפעלדור"**

# שטימט רעוויזיאניסטיש!

זונטאג דעם 7-טן ד. מ. קומען פאר אין גאנץ פוילען וואהלען צום 17-טן ציוניסטישען קאנגרעס. דער ציוניסט, ווען ער וועט געהן צו די וואהל-אורנע, מוז פריהער א טראכט טהון, פאר וועמען זאל ער זיין שטים אבגעבען, וועמען זאל ער זיין צוטרוי שענקען. עס געהען צו די וואהלען פערשידענע פארטייען מיט פערשידענע לאזונגען. א טייל פון זיי אין פאר א יודישע מלוכה אין א"י, א טייל פון זיי אין פאר דער אזוי גערופענער „נאציאנאלער היים" און עס זענען, לײדער פערהאנען אזעלכע, וועלכע קלערען ווענען שאפען אין ארץ-ישראל א נאציאנאלען שטאט מיט א פארלאמענט, אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינע וואהלען אין וועלכען די יודען, די אמת'ע א"י בעלי בתים, זאלען בלייבען אין דער מינדערהיים.

דער וועהלער דארף וועגען דעם דעצידירען. ער מוז זיך אבגעבען א קלארען דין וחשבון און זיך זעלבסט פרעגען, צי די לאגע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, בעפרידיגט איהם און צי איז ער מסכים מיט אט דער פאליטיק, וועלכע האט צו דער שווערער לאגע דערפיהרט. געוויס וועט ער ענטפערן נעגאטיוו, ווייל איך האלט, אז עס איז נישטא אפילו איין ציוניסט, וועלכער זאל אפען ערקלערען, אז די היינטיגע לאגע אין ציוניזם, נאך די אויגוסט-געשעהענישען, נאכ'ן „וויים-בוך" און נאכ'ן שליסען די א"י-דיגע טויערען פאר דער יודישער איינוואנדערונג, בעפרידיגט איהם און ער זאל זאגען, אז די ביז איצטיגע לייטונג פון דער בעוועגונג איז אין דעם נישט שולדיג און זייער פאליטיק לגבי דער מאנדאטאר-מאכט איז געוועזען א ראציאנעלע און דארף ווייטער קאנטינואירט ווערען.

היינט ווען יעדער ווייסט די פעהלערען, וועלכע זענען בעגאנגען געווארען דורך אונזערע היינטיגע פיהרער, וועט יעדער געוויס פערשטעהן, אז מען טאר נישט שטיצען און אנפערטרויען דעם גורל פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, די וועלכע האבען צו די מפלות דערפיהרט, דאגעגען מוז מען וועהלען אזעלכע מענשען, וועלכע קומענדיג אויפ'ן קאנגרעס, זאלען זיי מוטיג פערטיידיגען אונזערע בעדראהטע פאזיציעס און נישט געהענדיג אויף קיין שום קאמפראמיסען, געהען מיט די וועגען וועלכע פיהרען צו אונזער ענד-ציעל נאר די, וועלכע געהען מיט אזעלכע כוונות, קאן מען שענקען דעם צוטרוי די רעוויזיאניסטען זענען די, וועלכע זענען טריי אט די פאסטולאטען. מיר געהען נישט צום קאנגרעס, כדי צופאדערען פאר זיך טיילען פון בודזשעט, אזוי ווי עס טהוען אנדערע „רעגירונג'ס-טרייע" פארטייען...

די רעוויזיאניסטען געהען אין קאמף פאר א בעסערען מארגען פאר'ן יודישען פאלק. מיר קעמפען פאר א יודישע מלוכה, געשטיצט אויף א יודישע מאיאריטעט. מיר האבען א גאנצע רייהע פאדערונגען, וועלכע פיהרען צו דעם ענד-ציעל, וועלכער איז טייער יעדען אמת'ען ציוניסט. די רעוויזיאניסטישע פאדערונגען זענען אלע מאל געווארען אבגעווארפען, אבער די לעצטע געשעהענישען אין ציוניזם, האבען בעשטעטיגט די נביאות פון רעוויזיאניזם. איצט פאדערען מיר אנ'ערקענונג און צוטרוי און דערמיט די ערמעגליכונג פון א ווייטערער ארבייט. דעריבער דארף יעדער עהרליכער און טרייער ציוניסט נאכ'ן אבגעבען זיך א דין-וחשבון פון די לעצטע צוויי יאהר ציוניסטישער בעוועגונג, ערקלערען: לא זו הדרך, און אין טאג פון די וואהלען צום 17 ציוניסטישען קאנגרעס שטימען פאר די איינציגע יורשים פון הרצל-ציוניזם.

ציוניסטען שטימט רעוויזיאניסטיש!

פ, פישמאן ראדאם.



BROWAR PAROWY
J. SASKI
w Radomiu
poleca piwo
„EL"

נישט, צי א יור, אדער א קריסט. דאס פארל האט בעשלאסען חתונה צו האבען און דא הויבט זיך אן די גאנצע טראגעדיע. פרל. ל. וויל זיך נישט שמד'ען. זי קאן דאך נישט פערשווארצען טאטע-מאמע די פנימ'ער, אבער וולאדיסלאוו, דער געליבטער איהרער וויל זיך נישט מגייר זיין. ער וויל זיך נישט — זאגט ער — מאכען צונאר. צו-וואס די חופה? דאס איז אלץ גארנישט. דער עיקר זאגט ער: איז אונזער ביידעס הערצער. מעהר דארף מען נארנישט. וולאדיסלאוו איז איהר נאך א מאהל געפאלען צו די פיס און זיך געבעטען ביי איהר זי זאל געהן מיט איהם צוזאמען וואהנען. מ'האט זיך געדינגען א וואהנונג, מ'האט אריינגעשטעלט א ביסעל מעבעל און אלץ איז געווען אין בעסטען ארדנונג.

ווען פרל. ל. איז שוין געווען אין די הויכע חדשים איז אנגעקומען א בריעף צו איהר מאן-געליבטען, פון זיינעם א ברודער פון א ווייטער א שטאדט. דער ברודער פרעגט זיך אן: צי איז אמת, דאס וואס ער האט געהערט פון זיינע קרובים, אז ער, וולאדיסלאוו וואהנט מיט א יודישקע? ער קאן זיך דאס גארנישט פארשטעלען. ער וויל דאס נישט גלויבען און ער וויל דאס פון זיין, דעם ברודער'ס אייגען מויל הערען.

וולאדיסלאוו האט געענטפערט: וואס אין די נפקא-מינה מיט וועמען איך וואהן. דער עיקר איז דאך די ליעבע און איך ליב זעהר מיין פרוי-געליבטע. יענער ברודער האט שוין מעהר נישט געשריבען, נאר אז ס'איז אוועקגעגאנגען א שטיקעל צייט און פרל. ל. איז שוין געווען א מוטער פון א בילד-שעהן מיידעלע, איז פון דעם אייגענעם ברודער אנגעקומען אזא נאכריכט:

„איך דארף דיר אפילו נישט מעהר שרייבען, נאר כ'בין דאך סארט דיינס א ברודער. זייה וויסען, אז ס'איז אנגעקומען פון אונזער'ן א פעטער א גרויסע ירושה אויף אונזער נאמען. אין דער צוואה אבער שרייבט דער פעטער בפירוש, אז ווער ס'האט זיך גענומען א פרוי פון אנ'אנדער גלויבען, דער האט צו די ירושה קיין שום רעכט נישט. אלזא האסטו זיך נישט וואס צו מאהנען" צום לעצט גיעט ער צו: מסתמא איז דיר בעשערט זאלסט דיין גאנץ לעבען שווער ארבייטען".

אז וולאדיסלאוו האט איבערגעליינט אין ער שטארק אויפגעבראכט געווארען און האט הרטה געקריגען אויפ'ן גאנצען עסק. ער איז געווארען זעהר טרויריג און ארומגעגאנגען ווי א שאטען, נישט אויסרעדענדיג א ווארט. די יודישע פרוי ל. האט דאס בעמערקט. זי האט געוויסט פון בריעף און דעריבער פערשטאנען זיין שווערען אינערליכען קאמפף. ווען זי איז איינמאהל צוגעשטאנען צו איהם און זיך געבעטען ביי איהם רחמים, ער זאל איהר ערקלערען דעם בערייט פון זיין טרויער און פאר וואס ער רעדט קיינמאהל נישט צו איהר — האט ער זי שטים אנגעקוקט, ווי ער וואלט זי בעדויערט און לסוף זיך ארויסגעריסען פון איהרע ארעמס און אנטלאפען פון שטוב, איבערלאזענדיג נאר איין אויסגעשריי: דו פערשאלטענע זשידובקא. —

פרל. ל. האט שוין פאראויסגעזעהן איהר גורל. האט זי פערפאקט דאס ביסעל זאכען איהרע. גענומען דאס פיצעלע קינד אויף די האנד און איז צוריקגעקומען צו די עלטערען. אזוי ווי די טהיר איז געווען פערשלאסען האט זי דאס קינד איינגעוויקעלט אין איהר'ס א קליידעל, אוועקגעלעגט עס אויף דער שוועל פון איהרע עלטערען און אליין איז זי אוועק אין דער וועלט אריין, מישנעמענדיג מיט זיך בלויז א קליין פלעשעלע מיט סם...

פ. פאליער.

# וואס פריהער זאל געגעבן ווערן ענטפער אויף רעקורסע.

מחמת דעם, וואס קומען פאר אפט פאלען. וואט די דעציזיעס פון דער קאמיסיע „אדוואלאוטשע“ בנוגע אומואץ און הכנסה-שטייערן ווערן מיטגעטיילט די צאהלער ערשט נאכ'ן אבלויפען א לענגערע צייט — האט די האנדעלס-קאמער אין סאסנאוועץ זיך געווענדעט צו דער איזבא סקארבאווע אין קעלץ, זי זאל פעראָרדנען אז די דעציזיעס פון דער קאמיסיע „אדוואלאוטשע“, איבערהויפט אין פאל, ווען זיי זענען גינסטיג פאר די צאהלער, זאלען וואס שנעלער קאמוניקירט ווערן די בעטרעפענדע פערזאנען, וועלכע דערלאנגען אהין רעקורסען.

אין איהר ווענדונג מאטיווירט די האנדעלס-קאמער, אז דורכ'ן פערשפעטיגען דאס מיטטיילען די דעציזיעס, בפרט ווען זיי ווערן ענטשידען לטובת דעם שטייער-צאהלער, וואלט מען דעם צאהלער אויסגעשטעלט אויף אומגעגיינדעטע פערלוסטען צוליב דעם וואס נישט קוקענדיג אויף דעם אריינגעטראגענעם רעקורס, האט דער צאהלער יעדאך געמוזט אריינטראגען דעם גאנצען סכום, וואס איז אויסגעמאסטען געווארען דורך דער שאצונג'ס-קאמיסיע.

די אינטערווענץ פון דער סאסנאוועצער האנדעלס-קאמער איז אויך נוגע די ראדאמער שטייער צאהלער. מחמת ווי בעוויסט געהערט ראדאם צו דער דערמאנטער האנדעלס-קאמער.

# וועגן פערקלענערן דעם האטעל-אבצאהל.

די סאסנאוועצער האנדעל'ס-קאמער איז איינגעקומען אין דער וואיעוואידסטווא קיין קעלץ מיט א מעמאריאל, אין וועלכען זי ווייזט אן די נויטווענדיגקייט, אז די גמינעס זאלען פערקלענערן די דורך זיי גענומענע האטעל-אבצאהלען.

אין מעמאריאל ווערט אנגעוויזען אז דער דאזיגער שטייער, וואס די גמינעס לייגען ארויף אויף די האטעלען איז א צו-הויכער און, אז אין א טייל ערטער אין דער קעלצער וואיעוואדסטווא דערגרייכט דער דאזיגער אבצאהל אזש ביז 50 פראצענט.

ווען דער מעמאריאל פון דער סאסנאוועצער האנדעלס-קאמער זאל ברענגען א גינסטיגען רעזולטאט, וואלט מען אויף דעם יסוד געקענט ווארשיינליך ארויסדרונגען, אז דערמיט וואלט ממילא גלייכצייטיג אויך פערקלענערט געווארען דער האטעל-אבצאהל בכלל.

# אין ראדאם זאל געשאפען ווערן א ראבינאט.

## אזא פראיעקט רוקען ארויס די נאציאנאלע און ארטאדאקסישע קרייזען, בכדי דערמיט צו ליקווידירען דעם רבנות-קאמפף.

ס'איז שוין באלד 10 טעג אריבער זינט ס'איז פארגעקומען די וואהלען צו דער יודישער קהלה אין ראדאם און נאך פיהלט זיך אין שטאדט די אטמאספערע קאמפפסלוסטיגקייט און ס'איז נאך ווייט נישט געפאלען די איבער 40-גראדיגע וואהל-טעמפעראטור.

די פערשידענע צדדים, וואס קאנצענטרירען זיך ארום די 12 ליסטעס ווארטען פשוט אן מיט שפאנונג ווי אזוי עס וועט זיך קאנסטאטירען דער נייער קהלה-ראט, ווער ס'וועט זיין ראש הקהל, ווער ס'וועט געקליבען ווערען אין דער פערוואלטונג, און דער עיקר, וועלכע פראקציעס, עס וועלען אנשליסען צווישען זיך א קאנטאקט, כדי אזוי-ארום מיט געמיינזאמע כחות אויסטיילען פון זיך א אייבעדוויגענדע מעהרהייט.

די שפאנענדע שטימונג און די גוואלדיגע פעראינטערעסירונג נעמט זיך דערפון, וואס ביי אונז אין ראדאם איז מען געגאנגען צו די קהלה-וואהלען אונטער'ן צייכען פון רבנות-וואהלען. אונזער שטאדט איז אין דער הינזיכט פון וואהלען א אויסנאהם אין פערגלייך מיט אנדערע שטעדט פון צוליב דעם אליין, וואס אויסער דעם, וואס דער אויסגאנג פון די וואהלען האט געהאט צו ענטשיידען ווער ס'זאל ווערען א פרנס, אדער א דאזער און פון וועלכע שאטירונגען די קהלה זאל צום גרעסטען טייל בעהערשט ווערען — איז א חוץ דעם אלעם פערבונדען מיט די רעזולטאטען פון די וואהלען נאך א וויכטיגע פראגע. און דאס איז דער לאנג-אנגעווייטאגטער ענין רבנות, וואס ברויך געלעזען ווערען פון דעם נייעם געוועהלטען קהלה-ראט.

און טאקע דערמיט ערקלערט זיך דער אומגעהויערער פערביסענער קאמף וואס האט זיך געפיהרט מיט א וואך צוריק בשעת די וואהלען צו דער קהלה. צווישען אלע 12 ליסטעס האט זיך צו-מייסט אפגעשפיעלט די וואהל-שלאכט צווישען צוויי צדדים. דאס איז: די 5 ליסטעס פון הרב קעסטענבערג'ס צד (1, 2, 7, 11, 12) און די ליסטעס נומער 4 און 6, וואס געהערען צום ציוניסטישען לאגער און די אונפארטייאישע רעליגיעזע יודען (אזוי גערופענע עדת ישראל).

ווי ס'איז שוין בעוויסט די לעזער פון אונזערע פריהערדיגע בעריכטען, האבען די 5 ליסטעס פון הרב קעסטענבערג בעקומען 6 מאנדאטען און די ליסטעס 6—4 האבען געצויגען 7 מאנדאטען. אין פלוג וואלט זיך דעריבער אויסגעדאכטען, אז די מעהרהייט איז אויף דער זייט פון די ציוניסטען און עדת ישראל — דער פעראייניגטער געגנערישער צד פון הרב קעסטענבערג איבער נעמען די לעצטע צוויי האבען א איבערגעוויכט. אזוי וואלט מען אפשר געקענט מיינען. אבער ווען מ'קוקט זיך נעהנטער צו ענטשטעהט א גרויסע פראגע צו וועמען די מעהרהייט וועט פאקטיש געהערען. מען דארף נישט פערגעסען, אז אין דער קהלה זענען געוועהלט געווארען דריי האנדווערקער-פרנסים און צוויי פון דער פועלי ציון. אין אזא פאל פאלט אויס די האנדווערקער-פרנסים די ראל פון צינגעל פון דער וואג-שאל, מחמת די פועלי-ציון אלס א סאציאליסטישע פארטיי וועט זיך אפשר נישט וועלן מישען אין אזא קלעריקאלען ענין ווי עס איז רבנות.

די ציונים מיט דער עדת ישראל האבען טאקע מיט איין מאנדאט מעהר. אבער ס'איז נישט בעוויסט אין וועלכער ריכטונג און צו וועמען די דריי האנדווערקער פרנסים וועלען נוטה זיין, און טאקע אויף דער ליניע געפינט זיך לעת-עתה דער שווער-פונקט פון א סטאבילעזירטע און וואגיגער מעהרהייט.

דערווייל האבען זיך אין שטאדט פערשפרייט געדיכטע קלאנגען, וואס זאגען אן פון א שפאגעל נייע סענסאציע.

די נאציאנאלע און ארטאדאקסישע קרייזען, ס'הייסט די ציונים מיט די אזוי גערופענע עדת-ישראל (ליסטע 6—4) רוקען ארויס א גאנץ נייעם פראיעקט, נעמליך, אז אין ראדאם זאל געשאפען ווערען א ראבינאט, אין צוזאמענשטעל פון וועלכען ס'זאל אריינגעהן אויף א בכבוד'יגען ארט הרב קעסטענבערג. דער זעלבער לאגער זאל אויך פערלאנגען, אז אויפ'ן ארט פונ'ם פערשטארבענעם מורת הוראה ר' מענדיל ווייגארס, זאל מען אויפנעמען א נייעם מורת הוראה. ווי מען הערט זעגען די דאזיגע קרייזען אויסען מיט זייער פראיעקט צו מאכען שלום און איין מאהל פאר אלע מאהל ליקווידירען דעם רבנות-קאמפף. די וואס שטעהען נאהנט צו די צוויי גרופירונגען (ציוניסטען און אונפארטייאישע רעליגיעזע יודען) ערקלערען, אז זייער דעוויז איז: נישט קיין נצחון און נישט קיין מפלה פאר קיינעם, נאר רעמי, און אז ביידע צדדים זאלען ארויס גלייך פון קאמפף אהן זיגער און אהן בעזיגטע.

ווי מען הערט זאלען זיך אין דעם ענין אריינלעגען פערמיטלער, וואס זאלען אננעמען שריט אין דעם הינזיכט. צי דאס וועט האבען ערפאלג און צי אזא מין פראיעקט וועט זיך לאזען רעאליזירען — דאס איז נאך פארלויפיג נישט בעוויסט. דערצו מוז מען האבען נאך א ביסעל געדולד און אונטערווארטען, וואס די נאהנטע צוקונפט וועט בעווייזען.

# דער נייע געוועהלטער קהלה-ראט האלט אן זיין ערשטע קאנסטיטואירענדע זיצונג היינטיגען זונטאג.

ווי מען אינפארמירט אונז, זאל די ערשטע קאנסטיטואירענדע זיצונג פון דעם ניי-געוועהלטען קהלה-ראט פאר-געקומען היינטיגען זונטאג.

אויפ'ן סדר-היום שטעהט אלס פונקט דער אויסוואהל פון א פרעזעס, ד"ה א ראש-הקהל; א וויצע-פרעזעס, ווי אויך בעשטימען א קאמיסיע דורכן ראט וואס זאל זיך פערנעמען מיט'ן אויס-קלויבען א פערוואלטונג פון 12 פער-זאהן.

וועגען דעם צונויפשטעל פון ראט און דאס פעסטשטעלען די עהרען-פארטפעלן געהען ארום פערשידענע קלאנגען. אזוי למשל ווייסט מען שוין צווישען אנדערעס צו דערצעלען, אז פרעזעס פון ראט זאל זיין ה' ישראל דיאמענט, וויצע-פרעזעס שלמה פישמאן (האנדווערקער-פראקציע) און פרעזעס פון דער פערוואלטונג בנימין האכמאן און וויצע-פרעזעס פינ-קעלשטיין (פועלי-ציון).

די אלע ידיעות זענען בלויז השערות און עס בלייבט צו אונטערווארטען אויף א גענויען קאנקרעטען רעזולטאט.

ל. פישמען געבעטען צונויפצושטעלען אזא ענליכען פראטאקאל געגען ה' י. גוטמאן, וועלכער האט זיך אויך בענוצט מיט אזא חרם-דראהונג געגען די ליס-טעס נומער 4–6 בעת זיינס א רעדע אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אויפ'ן וואהל-מיטינג פון דער ליסטע נומ. 2.

ה' בעטקער האט ביידע אנקלאגעס גענומען צו קענטניס און געענטפערט, אז ער וועט דאס פארשטעלען דעם ח' סטאראסטא.

# איין צד רופט אויס אויפ'ן צווייטען א חרם.

## אבקלאנגען פון די וואהלען צו דער קהלה.

ווי מען טיילט אונז מיט איז אויף דער זיצונג פון דער וואהל-קאמיסיע ביים אויסצעהלען די שטימען אין לא-קאל פון דער גמינע גערעדט געווארען וועגען א חרם, וואס איין צד האט אויסגערופען אויפ'ן צווייטען אויף די וואהל-מיטינגען.

דער דאזיגער חרם-ענין איז בעריהרט געווארען פאראכטאגען דאנערשטאג פארטאג'ס. ווען די צעהלונג פון די וואהל-שטימען איז פערענדיגט געווארען. נאכדעם ווי ס'איז בעוויסט געווארען דער רעזולטאט, וואס יעדע ליסטע האט דערגרייכט. האט דער דאזיגער ל. מ. זילבערשטיין מיטגעטיילט דעם שעף פון דער סטאראסטווע-קאנצעלאריע ה' בעטקער, וועלכער איז געוועזען אנוועזענד ביי דער צעהלונג, אז דער סקארישאווער רב האט בעת זיינס א רעדע אין דארטיגען בית-מדרש אויס-גערופען א חרם און גע'אסר'ט די שטי-מען פאר די ליסטעס נומ. 1, 2, 7, 11, 12. ה' זילבערשטיין האט דעריבער פערלאנגט דעם דאזיגען פאקט צו פער-פראטאקאלירען. אויף דעם האט ה' מ.




## ציוניסטען!

ווער עס וויל צוהעלפען בויען א יודישע מלוכה אין ארץ-ישראל, שטימט ביי די קאנגרעס וואהלען, פאר דער ליסטע נר. 4 אויף וועלכער עס קאנדידירט דער מוטיגער קעמפער זאב זשאבאטינסקי.

# ספארט.

## אינטערעסאנטער מעטש פון היינטיגען סעזאהן.

היינטיגען שבת דעם 6 ד. מ. קומט פאר אויפ'ן ספארט-פלאץ פון 72 פ. פ. דער פון לאנג-ערווארטעטער מייסטער-שאפט-מעטש צווישען די שטארקע געג-נער בר-כוכבא—ר. ק. ס. צוליב דער געהעריגע צוגרייטונג פון די ביידע דערמאנטע מאנשאפטען איז צו ערווארטען, אז דער מעטש וועט זיין דער אינטערעסאנטסטער מעטש פון היינטיגען סעזאהן. בר-כוכבה און ר. ק. ס. טרע-טען ארויס אין זייערע בעסטע צוזא-מענשטעלען.

אין קומענדען נומער קומט א גרע-סערער בעריכט פון ראדאמער ספארט-לעבען בכלל און פון יודישען בפרט.

BIURO
buchalterji, korespondencji handl. oraz próśb i windykacji należności
„EXPRESS"
Malczewskiego 6 lub Żeromskiego 9 w podwórzu
ZAŁATWIA: buchalterję, prośby do wszystkich Władz rządowych, Sądowych, i Komunalnych, przepisywanie na maszynach, tłomaczenie języków obcych, windykacje weksli, i informacje o zdolności kredytowej i administracja domów.

דאס ביטע-שריפט-ביורא
„עקספרעס"
— לובלינער 9 — אדער מאלטשעווסקיעגא 6
ערלעדיגט פינקטליך ביטעס אין אלע אוושאנדען, געריכטליכע, אדמיניסטראטיווע און קאמונאלע אינסטיטוציעס, אויך וועגען שטייערן און דירה • סכסוכים. פאר פראטעסטירטע וועקסלען ווערט אויסגעצאהלט קאסע.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

זונטאג ד. 7/6 1931 אין לאקאל פון דער ציונ. ארגאניזאציע לובלינער 25) קומען פאר וואהלען צום 17-טען ציוניסטישען קאנגרעס.

א ספר-תורה קיין גארבאטקע

וועלכע מנין עס נויטיגט זיך שטארק אין א ספר-תורה קען דאס בעקומען ביים מורה הוראה פערקיל
ראדאם, רינעק 6 (7)

# קעלצער אבטיילונג.

## ווען קומט פאר די ערשטע זיצונג פון נייעם קהלה-ראט?

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די ערשטע זיצונג פון ניי געוועהלטען קהלה-ראט, פארקומען שוין אין די נאהנטסטע טעג. אויף דער זיצונג וועט געוועהלט דאס פרעזידיום פון ראט. גלייכצייטיג וועט געשאפען א ספעציעלע קאמיסיע, וואס האט די אויפגאבע דורכצופיהרען אלע נויטיגע פארברייטונגען צו די וואהלען פון דער פערוואלטונג. דעם טערמין פון די פערוואלטונג׳ס וואהלען בעשטימט די מאכט נאכ׳ן פערשטענדיגען זיך מיט דער אוועקגעהענדער פערוואלטונג.

———

די אגודה ווענדעט אן אלע מיטלען צו בעקומען א מעהרהייט אין ראט און דורכפיהרען א אייגען פרעזידיום. עס איז אבער מעהר ווי זיכער, אז די פרנסים פון די כמיעלניקער און כענטשינער חסידים וועלען, ווי עס זאל נישט זיין, נישט געהען צוזאמען מיט דער אגודה. איבריגענס: נאך איניגע טעג און מיר וועלען אלץ זעהען...

## שוידערליכער פאקט אין א דארף נעבען קעלץ.

### א לעבעדיגער מענש ווערט בעגראבען אלס מת.

א טראגישער און שוידערליכער פארפאל איז פאריגע וואך פארגעקומען אין דארף גורני ביי קעלץ.

דער ארטיגער איינוואהנער יוזעף גוראל איז פלוצים שווער קראנק געווארען אויף א אונבעוואוסטע קרענק. עס זענען גערופען געווארען דאקטוירים, אבער אויך זיי האבען תיכף נישט געקאנט אנגעבען די סיבה פון דער קרענק. אויפ׳ן דריטען טאג איז גוראל אריינגעפאלען אין א שטארקען חלשות, וואס האט געדויערט אהן אויפהער א גאנצען טאג. די קרובים און שכנים האבען עס אנגענומען, אז גוראל איז טויט. עס איז צוגעגרייט געווארען די לויה און גוראל איז בעגראבען געווארען.

באלד נאכדעם איז צו דער פרוי געקומען איהר מאן צו דער פרוי געקומען איהר מאן צום חלום און איהר געבעטען, אז מען זאל איהם אויסגראבען פון קבר, ווייל ער לעבט. די פרוי האט וועגען דעם דערצעהלט איהרע בעקאנטע, אבער מען האט פון איהר געלאכט. דער חלום האט זיך אבער איבער׳חזר׳ט 3 מאהל. דאן האט די פרוי שוין נישט געריהט און מען האט געמוזט אויסגראבען דאס קבר. דא האט זיך אנטפלעקט א שוידערליך בילד. אין קבר איז געליגען גוראל א אויסגעדרעהטער מיט די הענד ארויף צו דער עפנונג פון גרוב און דאס מויל איז געווען פערשיט מיט זאמד. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז גוראל האט געלעבט א געוויסע צייט אין זיין קבר.

## א חודש צייט געווארט אויף א „מציאה" ביז ער האט עס געפאקט.

אין פינקעלשטיינס האטעל, איז מיט א חודש צוריק געקומען א גאסט, וועלכער האט זיך אנגעגעבען אלס א לעמבערגער סוחר און געדונגען א צימער. לכתחילה האט דער גאסט געזאלט פערבלייבען בלויז אויף 2 טעג בכדי, ווי ער האט געזאגט, צו ערלעדיגען געוויסע געזעלשאפטליכע ענינים. ס׳זענען אבער אוועק איניגע וואכען און דער לעמבערגער איז אלץ פערבליבען אין קעלץ נישט ארויסווייזענדיג צוליב וואס ער דרעהט זיך דא ארום.

דעם לעצטען שבת איז אין זעלבען האטעל געקומען א יונגערמאן פון אמעריקא, וואס איז געקומען אויף א קורצע צייט קיין פוילען. דער יונגערמאן האט ביי זיך געהאט א גרעסערע געלד-סומע. פאר׳ן שלאפען האט ער עס בעהאלטען אונטער׳ן קישען.

אויפשטעהענדיג אין דער פריה האט דער אמעריקאנער „ענטדעקט", אז עמיץ האט עפיס „רעווידירט" זיין בעט. באלד האט ער זיך אי׳בערצייגט, אז עס פעהלט איהם 1200 דאלאר. עס איז געווארען א ויצעקו אבער ש׳ין נאך אלעמען חייל מיט׳ן פערשוואונדען פון געלד, איז אויך נעלם געווארען דער לעמבערגער „סוחר" וואס האט ווייזט אויס, געוואוסט אויף וואס צו ווארטען א חודש צייט אין האטעל...


דורה איזנברג ——— יוסף פרנקל
— (קילצה) — — (למברג) —

**מאורשים**

סיון, תרצ״א.

א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד
אברהם בער אייזענבערג
צו דער תנאים פון זיין טאכטער.
י. מ. רייזמאן און פרוי.

מזל-טוב ורוב ברכות
למר אברהם בער איזנברג לארושת בתו
קילצה. ל. ראדאל.






מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דעם ח׳ משה קאהן
(ראט-מיטגליעד פון דער פאלקס-באנק)
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין
**פרוי נ. ע.**
ראט און פערוואלטונג
פון דער פאלקס-באנק אין קעלץ

**אכטונג סוחרים! ——— אכטונג סוחרים!**

מיר מאכען בעקאנט אלע סוחרים פון ראדאם און אומגעגענד, אז די זעלבע געזעלשאפט פון דער שטאדטישער אויטאבוסען-קאמוניקאציע האט געעפענט
א ספעציעלע אבטיילונג פון סחורות-פערסעהר
**פון ראדאם קיין ווארשא**
**און פון ווארשא קיין ראדאם**
צו דעם צוועק זענען איינגעארדנט געווארען ספעציעלע **לאסט-אויטאבוסען**
וועלכע גיבען די גאראנטיע און די פולסטע פערזיכערונג, אז אלע בעשטעלונגען וועלען אויסגעפיהרט ווערען זארגפעלטיג, פינקטליך
——— און אויפ׳ן בעסטען אופן. ———
דער סחורות-פערקעהר איז שוין טהעטיג און מיט בעשטעלונגען ווערט געבעטען זיך צו ווענדען צו דעם בעפולמעכטיגטען פון דער דערמאנטער געזעלש.
D. GRINBERG Radom, Kopernika 9
(dawniej Długa) kolo Elektrowni.




## ציוניסטן!

שטימט ביי די קאנגרעס וואהלן פאר דער ליסטע

## פון ציוניסטן - רעוויזיאניסטען נר. 4.


## לידיא פאטאצקא אין ראדאם.

די בעריהמטע יודישע ארטיסטין לידיא פאטאצקא שפילט היינט אין ראדאם. זי טרעט-אויף מיט איהר אויסגעצייכנעטן אנסאמבל אויף צוויי פארשטעלונגען: היינט פרייטאג און מארגען שבת-ביינאכט.

לידיא פאטאצקא איז דעם ראדאמער עולם גוט בעקאנט פון איהרע פריהער-דיגע גאסטראלען. זעלבע האבען זעהר גוט אויסגענוצען און איבערגעלאזט א שטארקען רושם.


## שוקלים!

דער קאנגרעס וועט דעצידירען דעם גורל פון ארץ - ישראל

אויב עס איז אייך טייער ארץ-ישראל

זא שטימט פאר דער **ליסטע № 4**

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם

צוויי פארשטעלונגען פון דער בעריהמטער ארטיסטין

לידיא

# פאטאצקא

| פרייטאג דעם 5/6 | שבת דעם 6/6 |
|---|---|
| **הייליגער פלאם** | **הארבסט-פידלען** |

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיר האבען אויפגעעפענט

# א פענסיאנאט איז אנטאניוווקע

אין טיפען וואלד — פאר קינדער און יוגענד.

מיר באמערקען, אז די וויללע געפינט זיך אין א זעהר גוטען פונקט, די

קוך ווערט געפיהרט שטרענג כשר, היגיעניש און געזונט, אונטער דער

פערזענליכער אויפזיכט פון די אייגענטימער.

מיר האפען, אז די ארבייט פון די מיטאינהאבערין פר' י. ראכמאן אויפ'ן געביעט פון קינדער ערציהונג, גיט די געהעריגע גאראנטיע די עלטערן, אנצופארטרויען זייערע קינדער, אונטער דער אויפזיכט:

**יאדוויגא ראכמאן-טשארנא**
און **פעלא אייגער-ווייסבראט**

אינפארמאציעס ערטיילט: ראכמאן, ווארשאווסקע 6 — אייגער, וואל 5.



דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער ברודער און שוואגער ה' פ. גיסער
צוליב'ן פריהצייטיגען טוידט פון זיין יונג-פערשטארבענער פרוי

# לאה נ. ע.

די גרינגע ערציהונג און די גליקליכע צוקונפט פון זיין בן-יחיד'ל זאל איהם א טרייסט זיין.

**צלאל גיסער** עם פרוי



## א גוטע קעכין.

איך מאך בעקאנט אז איך בין א ערשט-קלאסיגע קעכין, וואס קאן קאכען, באקען און אריינפיהרען פערשידענע געשמאקע מאכלים און אלערליי שפייזען אויף חתונות, ברית'ען און אלע שמחות.

וועגדען קען מען זיך אויף רוויינסקי 16 צו **רחל קורץ.**



Biuro Prośb i Podań

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

| ZAŁATWIA: | Redaguje Podania: |
|---|---|
| Sprawy paszportowe<br>Mieszkaniowe<br>Wszelkie Tłomaczenie<br>i inne. | Do Władz Sądowych<br>Skarbowych<br>Administracyjnych<br>i Wojskowych. |

Windykacje należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

***Przepisywanie na maszynach.***

Biuro czynne: od godz. 9-aj rano do 7-aj wieczór.



— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג - יעהריגער פירמע

## ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21.



## ענגליש

איבערזעצונגען פון ענגליש ענגלישע און פוילישע האנדעלס-קארעספאנדענץ

ערשטקלאסיג — מייסטערהאפט

ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2

אין די שעהן 9—7 פריה און אוונט.



# פענסיאנאט

רייכקינד ווילע כאראשעווסקי סט. פוכעדניעוו

ערשקלאסיג איינגעארדענט, זוניגע צימערן,

אין די בערימטע פוכעדניעווער וועלדער

רעעלע בעהאנדלונג — מעסיגע פרייזען — איבערצייגט אייך!

ראדיא! דאנסינג! פלאזשע!

דער פענסיאנאט ווערט געעפענט דעם 20 מאי


Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 **Szczepienie ospy.**

Redaktor Ch. M Herc — Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20